**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 15 מיליאן דאלאר אין געלטער דורך די ניו יארק סטעיט ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע**

***פראגראם וועט פארשנעלערן קאמערציאליזאציע באמיאונגען דורך פריע שטאפל פירמעס און ווייטערע שטאפל אקאדעמישע פארשונג פאר אנשטעקיגע קראנקייט לייזונגען בשעת'ן מאכן וואקסן די סטעיט'ס לעבן'ס וויסנשאפטן עקאנאמיע***

***ערשטע רונדע רעקאמענדירטע געווינער [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערשטע רונדע פון די וועלכע וועלן באקומען געלטער פון די 40 מיליאן דאלארדיגע ניו יארק סטעיט ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע (New York State Biodefense Commercialization Fund). דער פראגראם איז געעפנט געווארן צו פארשנעלערן די אנטוויקלונג און קאמערציאליזאציע – דאס הייסט אריינברענגען צו די מארקעט – פון ערפינדונגען אין לעבן'ס וויסנשאפטן וועלכע אדרעסירן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייט דראאונגען, אריינרעכענענדיג קאוויד-19 און אירע וואריאנטן, בשעת'ן אויך שאפן דזשאבס און ערמוטיגן אנגייענדע וואוקס איבער ניו יארק'ס פארברייטערנדע לעבן'ס וויסנשאפטן אינדוסטריע. נאכפאלגנדיג באשטעטיגונג פון די באורד פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) וועלן אכצן גרענטס פארטיילט ווערן פאר א סך הכל אונטערנעמונג פון $15,292,418.

"ניו יארק סטעיט איז די ערשטע און די שווערסטע באטראפן געווארן דורך קאוויד-19, און אפילו אין די צייט ווען ניו יארק זעצט פאר איר פארשריט מיטן באקעמפן דעם ווירוס און צוריק בויען שטערקער, נעמען מיר אונטער שריט צו זיכער מאכן אז מיר זענען גרייט פאר די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס העלפן שטופן פאראויס די וואוקס פון ניו יארק סטעיט'ס פאראויסזעהענדע לעבן'ס וויסנשאפטן פירמעס, בשעת'ן אויך פארמערן אונזער גרייטקייט קעגן יעצטיגע און צוקונפטיגע אנשטעקיגע קראנקייט דראאונגען, העלפן שאפן א זיכערע, שטערקערע עמפייער סטעיט פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**ניו יארק סטעיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט עקטינג קאמישאנער, פרעזידענט און CEO-דעזיגנירטע, האָופ נייט, האט געזאגט,** "שטיצן ערפינדנדע פירמעס וועלכע קאנצעטרירן זיך אויף קאוויד-19 און אנדערע אנשטעקיגע קראנקייטן דורך די סטעיט'ס לעבן'ס וויסנשאפטן אונטערנעמונג האט דעמאנסטרירט אז ניו יארק סטעיט אדרעסירט גלאבאלע געזונטהייט זארגן בשעת'ן אויך ברענגען רעזולטאטן אויף איר ציהל פון עקאנאמישע אנטוויקלונג און וואקסן די לעבן'ס וויסנשאפטן פעלד."

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישאנער דר. מערי ט. באסעט האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע איז א פאראויס קוקנדע פראגראם וואס וועט פאראויס רוקן ניו יארק'ס אנשטעקיגע קראנקייט מעגליכקייטן און וואקסן די לעבן'ס וויסנשאפטן סעקטאר אין דעם

זעלבן צייט. אינוועסטירן אין פארשונג און אין פריוואטע סעקטאר באמיאונגען צו באקעמפן אנשטעקיגע קראנקייטן – אריינרעכענענדיג קאוויד-19 און נייע וואריאנטן דערפון – וועט ווייטער פארשטערקערן אונזער פובליק געזונטהייט אויסרישטונג און אונז מאכן בעסער געגרייט פאר די צוקונפט."

**קעטרין ווײלד, פרעזידענט און CEO פון די שותפות פאר ניו יארק סיטי האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס לעבן'ס וויסנשאפטן אינדוסטריע איז א מער און מער וויכטיגע ביישטייערער צו אונזער פירערשאפט אין די גלאבאלע ערפינדונגען עקאנאמיע. די פובליק אינוועסטירונג אין פארשונג און די קאמערציאליזאציע דערפון וועלן געטאפלט ווערן פיל מאל מער דורך די פריוואטע פינאנצירונג און די עקאנאמישע אקטיוויטעט וואס עס וועט אויפטרייבן."

סטאַרט-אָפּ פירמעס וועלכע אנטוויקלען דיאגנאסטישע מיטלען, וואקסינען, באהאנדלונגען און אנדערע ערפינדונגען מיט א הויכע פאטענציאל צו זיין ערפאלגרייך מיטן פארמיידן, באהאנדלען אדער פארגרינגערן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייט דראאונגען זענען געלאדנט געווארן צו אפלייען פאר גרענטס פאר ביז אזויפיל ווי 4 מיליאן דאלאר. ניו יארק'ס אקאדעמישע פארשונג אינסטיטוציעס האבן אויך געקענט אפלייען פאר גרענטס פון ביז אזויפיל ווי $500,000 צו העלפן פארשנעלערן פארגרעשריטענע אינטעלעקטואלע עררייכונגען אין די לעבן'ס וויסנשאפטן.

פינאנציעלע שטיצע איז נישט די איינציגסטע וועג אין וועלכע די קאסע וועט העלפן פארשנעלערן קאמערציאליזאציע באמיאונגען. מער פון 40 מענטארס מיט ווייט גרייכנדע מומחיות אין ביזנעס און אין ביאלאגישע-פארמאסיוטיקעל אנטוויקלונג און קאמערציאליזאציע זענען רעקרוטירט געווארן דורך די קאסע צו העלפן די וועלכע געווינען די גרענטס מיטן פאראויס שטופן זייערע טעכנאלאגיעס אויפן וועג צו קאמערציאליזאציע. די צוגעפאסטע אנווייזונגען וועלן זיין אומשאצבאר מיטן ערמעגליכן אן ערפאלגרייכע וועג פאראויס סיי פאר אנטוויקלונג פון אנטוויקלונגען און סיי פאר וואוקס פון די פירמע.

אלץ רעזולטאט פון די אפליקאציע רונדע, ווערן גרענטס רעקאמענדירט פאר אכט סטאַרט-אָפּ פירמעס און 10 אקאדעמישע אינסטיטוציעס. די גרענטס וועלן העלפן אריינברענגען אין די מארקעט אנשטעקיגע קראנקייט לייזונגען, אריינרעכענענדיג דיאגנאסטישע מיטלען, באהאנדלונגען און אנדערע ערפינדונגען וועלכע אדרעסירן אדער פארגרינגערן די פארשפרייטונג פון ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייטן. א סך הכל פון 177 אפליקאציעס זענען ערהאלטן געווארן; 104 פון זיי זענען געווען פון סטאַרט-אָפּ פירמעס און 73 — פון אקאדעמישע אינסטיטוציעס.

די פראיעקטן וועלכע האבן געווינען זענען פארשידנארטיג אין געביטן פון זייער געאגראפישע לאקאציע און קאנצענטראציע. די אכט סטאַרט-אָפּ פירמעס, געגעבן א סך הכל פון $11,115,659, שטיצן שטארק די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען צו אויסנוצן אירע פראגראמען פאר פירמע און דזשאב שאפונג/אנהאלטונג און אויפעפענען וועגן פאר נאך פארמעגנס. צום ביישפיל, גרענטס פאר די סטאַרט-אָפּס וועלן אויסנוצן עקזיסטירנדע גרענט און אינוועסטירונג קאסעס פאר א סך הכל פון 61.4 מיליאן דאלאר. אין צוגאב מוזן פירמעס וועלכע געווינען א ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע גרענט זיך פארפליכטן צו בלייבן אין ניו יארק סטעיט און פירן ביזנעס אויף אן אנגייענדן אופן פאר א מינימום פון דריי יאר נאכפאלגנדיג די פארענדיגונג פון די גרענט.

**ניו יארק סטעיט'ס 620 מיליאן דאלערדיגע לעבן'ס וויסנשאפטן איניציאטיוו**

ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט א 620 מיליאן דאלערדיגע איניציאטיוו צו טרייבן די וואוקס פון אן ערשטקלאסיגע לעבן'ס וויסנשאפטן פארשונג קלוסטער אין ניו יארק, ווי אויך פארברייטערן די סטעיט'ס מעגליכקייט צו אריינברענגען די פארשונג צו די מארקעט און מאכן וואקסן די עקאנאמיע. די פילפאכיגע איניציאטיוו רעכנט אריין 320 מיליאן דאלער פאר סטראטעגישע פראגראמען וועלכע ציען צו נייע לעבן'ס וויסנשאפטן טעכנאלאגיעס צו די סטעיט, הייבן קריטיש-וויכטיג פובליק און פריוואטע סעקטאר

אינוועסטירונג אין אויפקומענדע לעבן'ס וויסנשאפטן פעלדער און שאפן און פארברייטערן לעבן'ס וויסנשאפטן-פארבינדענע ביזנעסער און באשעפטיגונג לענגאויס ניו יארק.

די לעבן'ס וויסנשאפטן סעקטאר נעמט אריין די געביטן פון ביאלאגישע טעכנאלאגיע, פארמאסוטיקלס, בייאו-מעדיקעל טעכנאלאגיעס, לעבנס-דערהאלטנדע טעכנאלאגיע סיסטעמען, און רעכנט אריין ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס וועלכע ווידמען די מערהייט פון זייערע באמיאונגען צו די פארשידענע פאזעס פון פארשונג, אנטוויקלונג, טעכנאלאגיע טרענספער, און קאמערציאליזאציע. יעדן טאג אנטוויקלען פירמעס אין דעם סעקטאר נייע מעדיקעל און פארמאסוטיקל דורכבראכן וועלכע האבן די פאטענציעל צו ראטעווען לעבנס, צי זאל עס זיין דורך נייע טעראפיעס אדער דאס פריצייטיג דערשפורן מחלות ווי קענסער און ניוראלאגישע מחלות. די פירמעס מאכן אויך באדייטנדע פארשריטן אין די געביטן פון אגריקולטור און ענווייראנמענטאלע ביאלאגישע טעכנאלאגיעס, העלפן שאפן א ריינערע און מער-אויסהאלטעוודיגע צוקונפט.

דורך פארשטערקערן מיטלען צו צוציהען, אינוועסטירן אין איינריכטונגען, און פארבעסערן צוטריט צו טאלאנט און מבינות, וועט ניו יארק באדייטנד העכערן איר טייל פון אינדוסטריע-פינאנצירטע פארשונג און אנטוויקלונג, שטיצן די קאמערציעליזאציע פון עקזיסטירנדע פארשונג, און ברענגען אריין אין דעם נעקסטן דור פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. אויסער די פארשריטן אין וויסנשאפט, וועט דער איניציאטיוו פלאצירן ניו יארק אלס א מאגנעט פאר אויפקומענדע פאבריצירונג באזירטע ביזנעסער, אונטערהייבן ראיאנישע עקאנאמיעס און שאפן טויזנטער דזשאבס.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפונג און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן